בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת גליון

פאר'ן שבת טיש

פרשת קרח
(בא"י חקת)
ג תמוז
שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 3, גליון 32
(84)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב



שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, עֶרֶב חַג הַשָּׁבוּעוֹת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א. אִינְדֶערְפְרִי הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעדַאוֶונְט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ 'עֲצָתוֹ אֱמוּנָה'.

נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען הָאט מֶען זִיךְ גֶעוַואשְׁן אוֹיף לֶחֶם מִשְׁנֶה, כְּדֵי צוּ קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת. נָאכְ'ן עֶסְן דִי חַלָּה אוּן פִישׁ, אוּן זִינְגֶען אֲסַדֵּר לִסְעוּדָתָא, הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פָארְגֶעלֶערְנְט סֵפֶר הַקָדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה ה, מִבֶּן מֶלֶךְ שֶׁהָיָה מֵאֲבָנִים טוֹבוֹת.

בְּתוֹךְ הַדְּבָרִים הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט:

אַלֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן רֶבִּי'ן זֶענֶען מְסוּגָל גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן מִיט קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן כה): **"דִי וֶועלְט זָאגְט אַז מֶען וֶוערְט נִישְׁט טְרָאגֶעדִיג דוּרְךְ מַעֲשִׂיּוֹת, אָבֶער אִיךְ זָאג אַנְדֶערְשׁ פוּן דִי וֶועלְט, אִיךְ זָאג, אַז דִי מַעֲשִׂיּוֹת אִיז אַ סְגוּלָה פַאר קִינְדֶער"**, אוּן בִּפְרָטִיּוּת דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי בֶּן מֶלֶךְ וָואס אִיז גֶעוֶוען פוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת - וָואס דִי מַעֲשֶׂה רֶעדְט זִיךְ פוּן אַ קֶענִיג וָואס אִיז גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט קִינְדֶער, אִיז עֶס נָאכְמֶער מְסוּגָל אוֹיף קִינְדֶער.

## סְגוּלָה פוּן רֶבִּי'ן

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ אִינְגֶערְמַאן עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים נָאךְ מַיין חֲתוּנָה, בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן בַּאזָארְגְט אוֹיבּ אִיךְ וֶועל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי עֶס גֵייט בַּיי אַלֶע אִינְגֶעלַייט פוּן צְוֵויי חֳדָשִׁים נָאךְ דִי חֲתוּנָה וֶוערְט תְּשׁוּעָה בְּאָב אִינְדֶערְהֵיים, מֶען וֶוערְט בַּאזָארְגְט צִי מֶען וֶועט הָאבְּן קִינְדֶער... אִיךְ בִּין נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן, הָאבּ אִיךְ פְּרוּבִּירְט אַלֶע סְגוּלוֹת צוּ הָאבְּן קִינְדֶער, הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ גֶעהֶערְט פוּן אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד דֶער סְגוּלָה פוּן רֶבִּי'ן אַז לֶערְנֶען 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת' אִיז אַ סְגוּלָה פַאר קִינְדֶער, הָאבּ אִיךְ גֶעקוֹיפְט צְוֵויי סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת אוּן אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעלֶערְנְט צוּזַאמֶען מִיט מַיין וַוייבּ.

## צוּגֵיין צוּם עָמוּד

אוּן אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים זֶעט מֶען נָאךְ פַארְשִׁידֶענֶע סְגוּלוֹת אוֹיף הָאבְּן קִינְדֶער. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן סג): **"הַתְּפִלָּה שֶׁמִּתְפַּלְּלִין לִפְנֵי הָעַמּוּד בִּנְגִינָה הוּא סְגֻלָּה לְבָנִים"**, זַיין אַ חַזָּן, אַ בַּעַל תְּפִלָּה - אִיז מְסוּגָל פַאר קִינְדֶער. דָאס אִיז אַ גְרִינְגֶע סְגוּלָה, דִי גַבָּאִים פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ זָאגְן מִיר אַז זֵיי מוּטְשֶׁען זִיךְ זֵייעֶר מִיט בַּעֲלֵי תְּפִלָּה, מֶענְטְשְׁן ווילְן נִישְׁט צוּגֵיין צוּם עָמוּד, אָבֶער דָאס אִיז דָאךְ אַ גְרִינְגֶע סְגוּלָה אוֹיף קִינְדֶער, וֶוען אִיךְ הָאבּ אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט גֵיי אִיךְ צוּ צוּם עָמוּד.

## תְּהִלִּים פַארְטָאגְס

נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן סה): **"הַשִּׁירוֹת וְהַתִּשְׁבָּחוֹת, שֶׁאוֹמְרִין קֹדֶם אוֹר הַיּוֹם, הוּא סְגֻלָּה לְבָנִים. גַּם לְאִשָּׁה שֶׁנֶּחְסַר חֲלָבָהּ"**, אַז מֶען שְׁטֵייט אוֹיף פַארְטָאגְס, מֶען זִינְגְט אוּן מֶען לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז דָאס אַ סְגוּלָה פַאר קִינְדֶער אוּן אוֹיךְ אַ סְגוּלָה פַאר אַ פְרוֹי וָואס הָאט וֵוייניג מִילְךְ, **"גַּם לְאִשָּׁה רָעָה שֶׁהִיא כַּעֲסָנִית"**, אוֹיךְ פַאר אַ פְרוֹי וָואס רֶעגְט זִיךְ שְׁנֶעל אוֹיף. נֶעמְט דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן וָואס אִיז בָּדוּק וּמְנוּסֶה, אַז מֶען שְׁטֵייט אוֹיף פַארְטָאגְס אוּן מֶען זָאגְט תְּהִלִּים מִיט גֶעזַאנְג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי נִסִּים וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז אִיז דָאס אַ סְגוּלָה אוֹיף קִינְדֶער, אוּן אוֹיךְ פַאר אַ פְרוֹי וָואס הָאט וֵוייניג מִילְךְ.

הַיינְט אִיז דָא אָרְגֶעניִזַאצִיעֶס וָואס נֶעמֶען צוּזַאם מִילְךְ פַאר מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶענוּג מִילְךְ פַאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אַז מִיר וֶועלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, אוֹיפְצוּשְׁטֵיין פַארְטָאגְס אוּן דַאנְקְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט וֶוערְן אַ שֶׁפַע, מֶענְטְשְׁן וֶועלְן שוֹין הָאבְּן גֶענוּג מִילְךְ.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶערְצֵיילְן אִינֶעוֵוינִיג. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט:

אַמָאל אִיז גִיוֶוען אַ מֶלֶךְ. דֶער מֶלֶךְ הָאט קֵיין קִינְדֶער נִיט גִיהַאט. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט זִיךְ גִיפָּארֶעט מִיט דָאקְטוֹירִים. כְּדֵי זַיין מְלוּכָה זָאל נִיט פַאר פְרֶעמְד וֶוערְן. זֵיי הָאבִּין אִים אָבֶּער נִיט גִיהָאלְפְן. הָאט עֶר גוֹזֵר גִיוֶוען אוֹיף יוּדְן אַז זֵיי זָאלִין פַאר אִים מִתְפַּלֵל זַיין. אַז עֶר זָאל הָאבִּין קִינְדֶער, הָאבִּין יוּדִין גִיזוּכְט אַ צַדִיק. כְּדֵי עֶר זָאל מִתְפַּלֵל זַיין אוּן זָאל פּוֹעֶלְין. אַז עֶר זָאל הָאבִּין קִינְדֶער. הָאבְּן זֵיי גִיזוּכְט אוּן הָאבִּין גִיפוּנֶען אַ בַּאהַאלְטִינֶעם צַדִיק. אוּן זֵיי הָאבִּין אִים גִיזָאגְט אַז עֶר זָאל מִתְפַּלֵל זַיין אַז דֶער מֶלֶךְ זָאל הָאבְּן קִינְדֶער. הָאט עֶר גִיעֶנְפֶּערְט עֶר וֵוייסְט גָאר נִיט. הָאבִּין זֵיי דָאס מוֹדִיעַ גִיוֶוען דֶעם מֶלֶךְ (כַּאֲשֶׁר אַז סֶע אִיז דָא אַ בַּאהַאלְטִינֶער צַדִיק נָאר עֶר זָאגְט עֶר וֵוייסְט גָאר נִיט) הָאט דֶער מֶלֶךְ גִישִׁיקְט אֵיין אוֹקַאז נָאךְ אִים. הָאט מֶען אִים גִיבְּרַאכְט צוּם מֶלֶךְ. הָאט דֶער מֶלֶךְ מִיט אִים אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּסִין מִיט גוּטְן. דוּ וֵוייסְט דוּךְ. אַז דִי יְהוּדִים זֶענֶען בַּיי מִיר אִין דֶער הַאנְט. אִיךְ קָאן טָאן מִיט זֵיי וָואס אִיךְ וִויל. בִּכֵן בֶּעט אִיךְ דִיךְ מִיט גוּטִין זַיי מִתְפַּלֵל. אִיךְ זָאל הָאבִּין קִינְדֶער. הָאט אִים דֶער צַדִיק מַבְטִיחַ גִיוֶוען אַז עֶר זָאל הָאבִּין דָאס יָאר אַ קִינְד אוּן אִיז זִיךְ אַהֵיים גִיגַאנְגֶען. הָאט דִי מַלְכָּה גִיהַאט אֵיין טָאכְטֶער. אוּן דִי בַּת מַלְכָּה אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע פַּארְשׁוֹין. אוּן אַז זִי אִיז אַלְט גִיוֶוען פִיר יָאר. הָאט זִי גִיקֶענְט אַלֶע חָכְמוֹת אוּן אַלֶע לְשׁוֹנוֹת אוּן שְׁפִּילִין אוֹיף כֵּלִים. זֶענֶען גִיפָארִין אַלֶע מְלָכִים פוּן אַלֶע מְדִינוֹת. זִי צוּ זֶעהְן. אוּן סֶע גִיוֶוען אוֹיף דֶעם מֶלֶךְ אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה.

דֶער נָאךְ הָאט דֶער מֶלֶךְ זֵייעֶר גִיוָואלְט. עֶר זָאל הָאבְּן אֵיין זוּן כְּדֵי דִי מְלוּכָה זָאל נִיט אַוֶועק גֵייעֶן צוּ אֵיין פְרֶעמְדְן. הָאט עֶר ווִידֶער גוֹזֵר גִיוֶוען אוֹיף יוּדִין אַז זֵיי זָאלִין מִתְפַּלֵל זַיין אַז עֶר זָאל הָאבְּן אֵיין זוּן. הָאבְּן זֵיי גִיזוּכְט דֶעם עֶרְשְׁטְן צַדִיק. אוּן זֵיי הָאבִּין אִים שׁוֹין נִיט גִיפוּנֶען וָוארִין עֶר אִיז שׁוֹין גִישְׁטָארְבִּין. הָאבְּן זֵיי וַוייטֶער גִיזוּכְט. הָאבִּין זֵיי גִיפוּנֶען. נָאךְ אַ בַּאהַאלְטִינֶעם צַדִיק.

## אִין יֶעדְן דוֹר זֶענֶען דָא צַדִיקִים

מֶען זֶעט דָא אַז דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזוּכְט דֶעם עֶרְשְׁטְן צַדִיק אוּן אִים נִישְׁט גֶעפוּנֶען, הָאבְּן זֵיי וַוייטֶער גֶעזוּכְט, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעטְרָאפְן נָאךְ אַ בַּאהַאלְטֶענֶעם צַדִיק; זֶעט מֶען אַז אִין יֶעדְן דוֹר זֶענֶען דָא צַדִיקִים. מֶען קֶען הֶערְן וִוי מֶענְטְשְׁן זָאגְן: "**אַמָאל זֶענֶען גֶעוֶוען צַדִיקִים, הַיינְט אִיז נִישְׁטָא**", דָאס אִיז נִישְׁט עֶפֶּעס אַ נַייעֶ זַאךְ, דָאס הָאט מֶען גֶעשְׂרִיגְן אִין אַלֶע צַייטְן, אִין הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צַייטְן הָאט מֶען דָאס אוֹיךְ גֶעשְׂרִיגְן, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לח): "**כִּי עַכְשָׁיו נִתְפַּשֵּׁט הָאֶפִּיקוֹרְסוּת שֶׁהֶתְּרָה הָרְצוּעָה לְדַבֵּר סָרָה עַל כָּל הַצַּדִּיקִים וְעַל כָּל יִרְאֵי ה'**", עֶס אִיז זֵייעֶר פַארְשְׁפְּרֵייט אַז מֶענְטְשְׁן רֶעדְן אוֹיף צַדִיקִים. אוּן רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט אַז עֶר הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קצב): "**שֶׁאֵין הָעוֹלָם רוֹצִים לְהַאֲמִין שֶׁיִּהְיוּ נִמְצָאִים עַכְשָׁו צַדִּיקִים גְּדוֹלִים בְּמַעֲלָה מְאֹד כְּמוֹ בַּדּוֹרוֹת הָרִאשׁוֹנִים**", מֶענְטְשְׁן זָאגְן אַז הַיינְט אִיז נִישְׁטָא קֵיין גְרוֹיסֶע צַדִיקִים אַזוֹי וִוי אַמָאלִיגֶע טֶעג, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "**בְּוַדַּאי נִמְצָאִים צַדִּיקִים בְּכָל דּוֹר וָדוֹר**", אִין יֶעדְן דוֹר זֶענֶען דָא צַדִיקִים, אוּן דִי אַלֶע וָואס זָאגְן אַז הַיינְט זֶענֶען נִישְׁטָא קֵיין צַדִיקִים זֶענֶען כּוֹפְרִים.

אוּן זֵיי הָאבִּין אִים גִיזָאגְט. אַז עֶר זָאל גִיבִּין דֶעם מֶלֶךְ אַ זוּן. הָאט עֶר גִיזָאגְט. עֶר וֵויסְט גָאר נִיט. הָאבְּן זֵיי ווִידֶער מוֹדִיעַ גִיוֶוען דֶעם מֶלֶךְ. הָאט דֶער מֶלֶךְ דֶעם צַדִיק אוֹיךְ אַזוֹי גִיזָאגְט: דוּ וֵוייסְט דוּךְ אַז דִי יְהוּדִים זֶענֶען בַּיי מִיר אִין דֶער הַאנְט. וְכוּ' כַּנַ"ל. הָאט אִים דֶער חָכָם (דְהַיְינוּ דֶער צַדִיק) גִיזָאגְט.

## צַדִיק אוּן חָכָם

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מְדַיֵיק גֶעוֶוען דָאס וָואס דֶער רֶבִּי טוֹישְׁט לָשׁוֹן, דֶעם עֶרְשְׁטְן צַדִיק רוּפְט עֶר "צַדִיק", אוּן דֶעם צְוֵוייטְן צַדִיק רוּפְט עֶר "חָכָם". [זֶע אִין גִלְיוֹן סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז עֶס שֵׁיין מַסְבִּיר: וַוייל דֶער עֶרְשְׁטֶער צַדִיק הָאט סְתַּם מַבְטִיחַ גֶעוֶוען דֶעם קֶענִיג אַז עֶר וֶועט הָאבְּן אַ קִינְד, אָבֶּער דֶער צְוֵוייטֶער צַדִיק הָאט אִים אוֹיךְ גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעוִויזְן דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיט זַיין וַוייבּ בְּשָׁלוֹם - אַזוֹי וֶועט דָאס קִינְד אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְט, דֶערְפַאר אִיז עֶר נִישְׁט בְּלוֹיז אַ צַדִיק נָאר אוֹיךְ אַ חָכָם, עַיֵין שָׁם].

וֶועסְטוּ אָבֶּער קֶענֶען טוּן וָואס אִיךְ וֶועל דִיר הֵייסִין. הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיזָאגְט יוֹא. הָאט דֶער חָכָם צוּ אִים גִיזָאגְט: אִיךְ בַּאדַארְף אַז דוּ זָאלְסְט בְּרֶענְגֶען אַלִירְלֵיי אֲבָנִים טוֹבוֹת (כְּלוֹמַר דוּמִיט וַוארְג) וָוארִין אִיטְלִיכֶער אֶבֶן טוֹב הָאט אִין זִיךְ אֵיין אַנְדֶערֶע סְגוּלָה. אוּן בַּיי דִי מְלָכִים אִיז פַאר הַאנְדְן אַ סֵפֶר וָואס דָארְט אִיז פַארְשְׁרִיבְּן אַלִירְלֵיי אֲבָנִים טוֹבוֹת. הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיזָאגְט. אִיךְ וֶועל אוֹיס בְּרֶענְגֶען. מַיין הַאלְבֶּע מְלוּכָה. אַבִּי אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ זוּן אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאט אִים גִיבְּרַאכְט אַלִירְלֵיי אֲבָנִים טוֹבוֹת. הָאט דֶער חָכָם זֵיי גִינוּמֶען. אוּן הָאט זֵיי צוּ קְלַאפְּט. אוּן הָאט גִינוּמֶען אַ בֶּעכֶער וַויין. אוּן הָאט זֵיי אַרַיין גִישִׁיט אִין דֶעם וַויין. אוּן עֶר הָאט גִיגֶעבִּין אַ הַאלְבְּן

בְּעֶכֶער וַויין דֶעם מֶלֶךְ טְרִינְקֶען. אוּן דִי אַנְדֶערֶע הֶעלְפְט. דֶער מַלְכָּה. אוּן הָאט צוּ זֵיי גִיזָאגְט. אַז זֵיי וֶועלִין הָאבִּין אַ זוּן. וָואס עֶר וֶועט זַיין דוּרְךְ פוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת אוּן עֶר וֶועט אִין זִיךְ הָאבִּין אַלֶע סְגוּלוֹת פוּן אַלֶע אֲבָנִים טוֹבוֹת. אוּן אִיז אַהֵיים גִיגַאנְגֶען.

## צַאמְנֶעמֶען אַלֶע גוּטֶע נְקוּדוֹת

דָא אִיז מְרוּמָז, אַז יֶעדֶע אִיד הָאט אִין זִיךְ פִּילֶע גוּטֶע נְקוּדוֹת, אוּן דֶער צַדִיק לֶערְנְט אוּנְז אַז מִיר זָאלְן צַאמְנֶעמֶען אַלֶע אוּנְזֶערֶע גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס מִיר הָאבְּן, זִיךְ פְרֵייעֶן אוּן מְחַיֶה זַיין דֶערְמִיט, אַזוֹי וֶועלְן מִיר פוּל וֶוערְן מִיט אֲבָנִים טוֹבוֹת, מִיט נָאךְ אַסַאךְ גוּטֶע זַאכְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רפב), אַז מֶען קוּקְט גוּט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, מֶען זוּכְט אִין יֶענֶעם אַבִּיסְל גוּטְס דוּרְכְדֶעם קֶען מֶען יֶענֶעם צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים לז, י): "וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע, וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ", אַז דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן אִין אִים **'עוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע'** - אַבִּיסְל גוּטְס וָואס אִין דֶעם פְּרַט אִיז עֶר נִישְׁט קַיין רָשָׁע, דֶעמָאלְט: **'וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ'**, וֶועט עֶר שׁוֹין נִישְׁט בְּלַייבְּן בַּיי זַיינֶע אַלְטֶע מַעֲשִׂים, נָאר עֶר וֶועט זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אִיז מִיט זִיךְ אַלֵיינְס; דִי סִיבָּה פַּארְוָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים אִיז וַוייל עֶר טְרַאכְט: **'אִיךְ בִּין דָאךְ שׁוֹין סַיי וִוי אַ רָשָׁע, אִיךְ קֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט אוּמְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן'**, אָבֶער אַז מֶען טְרֶעפְט אִין זִיךְ אַבִּיסְל גוּטְס, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זִיךְ שׁוֹין צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הָאט דִי מַלְכָּה גִיהַאט אַ זוּן. אִיז גִיוָוארִין אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוֹיף דֶעם מֶלֶךְ. נָאר דֶער זוּן אִיז נִיט גִיוֶוען פוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת. אַז דֶער זוּן אִיז אַלְט גִיוֶוען פִיר יָאר. אִיז עֶר גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶער פַּארְשׁוֹין אוּן אַ גְרוֹיסֶער חָכָם אִין אַלֶע חָכְמוֹת. אוּן הָאט גִיקֶענְט אַלֶע לְשׁוֹנוֹת. זֶענֶען גִיפָארִין מְלָכִים אִים זֶעהְן.

אוּן דִי בַּת מַלְכָּה הָאט גִיזֶעהְן אַז זִי אִיז שׁוֹין נִיט אַזוֹי חָשׁוּב. הָאט זִי זִיךְ אִין אִים מְקַנֵא גִיוֶוען. נָאר דָאס אִיז אִיר נֶחָמָה גִיוֶוען בַּאֲשֶׁר דֶער צַדִיק הָאט גִיזָאגְט. אַז דֶער זוּן וֶועט זַיין גָאר פוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת. גוּט אִיז כָאטְשֶׁע וָואס עֶר אִיז נִיט פוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת.

אַמָאל הָאט דֶער בֶּן מֶלֶךְ גִישְׁנִיצְט הָאלְץ אוּן הָאט זִיךְ אַ שְׁנִיט גִיטָאן אִין פִינְגֶער. אִיז דִי בַּת מַלְכָּה צוּ גִילָאפִין. אִים אַרוּם בִּינְדְן דֶעם פִינְגֶער. הָאט זִי דָארְט דֶערְזֶען אֵיין אֶבֶן טוֹב.

## דֶעמָאלְט קוּמְט אַרוֹיס דִי טֵייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער

וֶוען דֶער בֶּן מֶלֶךְ הָאט זִיךְ צֶעשְׁנִיטְן דֶעם פִינְגֶער, אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען דִי אֲבָנִים טוֹבוֹת וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּאהַאלְטְן אִין אִים. דָאס מֵיינְט, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, וָואס רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען מֶען נִישְׁט אַלְץ דֶערְקֶענֶען פוּן אִינְדְרוֹיסְן דֶער חִילוּק צְוִוישְׁן אִים אוּן אַ צְוֵוייטְן, אָבֶער וֶוען עֶר צֶעשְׁנַיידְט זִיךְ, וֶוען עֶר גֵייט דוּרְךְ שְׁוֶועריקֵייטְן אִין לֶעבְּן, דֶעמָאלְט קוּמְט אַרוֹיס דִי טֵייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער וָואס עֶס לִיגְט אִין אִים בַּאהַאלְטְן, מֶען זֶעט וִוי שֵׁיין עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, עֶר שְׁרֵייט נִישְׁט אוּן שֶׁעלְט נִישְׁט, עֶר נֶעמְט עֶס אָן בְּאַהֲבָה אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶר זָאל גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

הָאט זִי זִיךְ אִין אִים זֵייעֶר מְקַנֵא גִיוֶוען.

## עֶר צֶעגֵייט לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט

דָא זֶעט מֶען דָאס שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּן קִנְאָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קנב:): **"כָּל מִי שֶׁיֵּשׁ בּוֹ קִנְאָה - עַצְמוֹתָיו מַרְקִיבִין"**, וֶוער עֶס אִיז מְקַנֵא אַ צְוֵוייטְן וֶוערְן זַיינֶע בֵּיינֶער פַּארְפוֹילְט; בִּפְשִׁטוּת גֵייט עֶס אַרוֹיף וֶוען מֶען שְׁטַארְבְּט, אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט מְקַנֵא גְעוֶוען וֶועט זַיין גוּף נִישְׁט פַּארְפוֹילְט וֶוערְן אִין קֵבֶר, אָבֶער מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט אַז דָאס מֵיינְט מֶען לֶעבֶּעדִיגֶע מֶענְטְשְׁן, דֶער וָואס הָאט קִנְאָה, וֶוערְן אִים זַיינֶע בֵּיינֶער פַּארְפוֹילְט בְּחַיִּים חַיּוּתוֹ; קִנְאָה אִיז אַזַא שֶׁעדְלִיכֶע זַאךְ פַאר'ן מֶענְטְשׁ, עֶס עֶסְט אִים אוֹיף דִי בֵּיינֶער, עֶר צֶעגֵייט לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט, עֶס הַרְגְ'עֶט אִים דָאס לֶעבְּן, עֶר טְרַאכְט שְׁטֶענְדִיג: **'פַּארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אַזַא לֶעבְּן וִוי יֶענֶעם? פַּארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אַזַא וַוייבּ וִוי יֶענֶער? פַּארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אַזַא הוֹיז וִוי יֶענֶער? אַ קַאר וִוי יֶענֶער?'** בֶּאֱמֶת דַארְף אָבֶער אַ מֶענְטְשׁ וִויסְן **'אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי סָארְט לֶעבְּן; דִי וַוייבּ, דִי קִינְדֶער אוּן דִי דִירָה וְכוּ' וְכוּ', אִיז דָאס גוּט פַאר מִיר; דָאס אִיז דָאס בֶּעסְטֶע פַאר מִיר, בֶּעסֶער קֶען נִישְׁט זַיין'**.

הָאט זִי זִיךְ גִימַאכְט קְרַאנְק. זֶענֶען גִיקוּמֶען כַּמָה דָאקְטוֹירִים. זֵיי הָאבִּין אָבֶער נִיט גִיקֶענְט אִיר קֵיין רְפוּאָה טָאן. הָאט מֶען גִירוּפִין מְכַשְׁפִים. אִיז דָארְט גִיוֶוען אֵיין מְכַשֵׁף הָאט זִי אִים אוֹיסְגִיזָאגְט דֶעם אֱמֶת. אַז זִי הָאט זִיךְ אַלֵיין גִימַאכְט קְרַאנְק מַחְמַת דֶעם בְּרוּדֶער כַּנַ"ל אוּן זִי הָאט דֶעם מְכַשֵׁף גִיפְרֶעגְט אוֹיבּ סֶע אִיז מֶעגְלִיךְ. אַז מִזָאל טָאן אַ מֶענְשׁ כִּישׁוּף אַז עֶר זָאל וֶוערִין קְרֶעצִיג. הָאט עֶר גִיזָאגְט יוֹא. הָאט זִי צוּם מְכַשֵׁף גִיזָאגְט. טָאמֶער וֶועט עֶר זִיךְ זוּכִין אֵיין אַנְדֶערְן מְכַשֵׁף וָואס עֶר וֶועט מְבַטֵל זַיין דֶעם כִּישׁוּף אוּן עֶר וֶועט גִיהֵיילְט וֶוערִין. הָאט דֶער מְכַשֵׁף גִיזָאגְט. אַז מֶוֶועט אַרַיין וַוארְפִין דֶעם כִּישׁוּף אִין וַואסֶער אַרַיין וֶועט מֶען שׁוֹין נִיט

קֶענֶען אִים מְבַטֵל זַיין. הָאט זִי אַזוֹי גִיטָאן. אוּן הָאט אַרַיין גִיוָוארְפִין דֶעם כִּישוּף אִין וַואסֶער אַרַיין. אִיז דֶער בֶּן מֶלֶךְ זֵייעֶר קְרֶעצִיג גִיוָוארִין. עֶר הָאט גִיהַאט אוֹיף דֶער נָאז קְרֶעץ אוּן אוֹיף דֶעם פָּנִים אוּן אוֹיף דֶעם אִיבְּרִיקְן גוּף. הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ גִיפָּארִיט מִיט דָאקְטוֹרִים. אוּן מִיט מְכַשְׁפִים. אוּן זֵיי הָאבִּין אִים נִיט גִיהָאלְפְן.

הָאט דֶער מֶלֶךְ גוֹזֵר גִיוֶוען אוֹיף יוּדִין אַז זֵיי זָאלִין מִתְפַּלֵל זַיין. הָאבִּין דִי יְהוּדִים גִיזוּכְט דֶעם צַדִיק (וָואס עֶר הָאט מִתְפַּלֵל גִיוֶוען אַז דֶער מֶלֶךְ זָאל הָאבְּן אַ זוּן כַּנַ״ל) אוּן זֵיי הָאבִּין אִים גִיבְּרַאכְט פַאר דֶעם מֶלֶךְ. אוּן דֶער צַדִיק פְלֶעגְט תָּמִיד מִתְפַּלֵל זַיין פַאר הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ כַּאֲשֶׁר עֶר הָאט צוּ גִיזָאגְט דֶעם מֶלֶךְ אַז דֶער זוּן זָאל זַיין גָאר פוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת אוּן סֶע נִיט מְקוּיָם גִיוָוארִין. אוּן עֶר הָאט גִיטַעֲנֶט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטִין הָאבּ אִיךְ דָאס גִיטָאן פוּן מַיין כָּבוֹד וֶועגְן. אִיךְ הָאבּ זִיךְ דָאס מֶער נִיט גִיטָאן נָאר פוּן דַיין כָּבוֹד וֶועגְן. אוּן הַיינְט אִיז נִיט מְקוּיָם גִיוָוארְן אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ גִיזָאגְט.

## הִתְבּוֹדְדוּת

דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי הִתְבּוֹדְדוּת פוּנֶעם צַדִיק, עֶר הָאט מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אוּן גֶע׳טַעֲנָה׳ט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס זָאל מְקוּיָם וֶוערְן וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט.

אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א אִיז אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן גֶעזָאגְט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אַנְטְפְּלֶעקְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן עג) אַז זָאגְן תְּהִלִים בְּרֶענְגְט צוּ זֵייעֶר גְרוֹיסֶע זַאכְן, עֶס בְּרֶענְגְט צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה, עֶס וַוייזְט דִי וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז וִויכְטִיג צוּ וִויסְן, וֶוען מֶען זָאגְט תְּהִלִים מֶעג מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ אִינְמִיטְן אַ קַאפִּיטְל אוּן אִינְמִיטְן אַ פָּסוּק, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין הֶפְסֵק, וַוייל בֶּאֱמֶת אִיז דִי גַאנְצֶע תְּהִלִים דִי הִתְבּוֹדְדוּת פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן סח), דֶערְפַאר אִיז גוּט וֶוען מֶען זָאגְט תְּהִלִים אַרַיינְצוּפְלֶעכְטְן אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת, בַּקָשׁוֹת אוּן לוֹיבּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַז מֶען פְלֶעכְט אַרַיין דִי אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת וֶוען מֶען זָאגְט תְּהִלִים אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל.

## דוּ ווִילְסְט זֵיי אוֹיפְוֶועקְן

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט גֶעזָאגְט: בִּשְׁעַת הִתְבּוֹדְדוּת, וֶוען אִיךְ בֶּעט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאג אִיךְ פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דָאס וָואס דוּ בְּרֶענְגְסְט שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז דָאךְ נָאר וַוייל דוּ ווִילְסְט זֵיי אוֹיפְוֶועקְן צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּ דִיר, אָבֶּער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, מֶען אִיז שׁוֹין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אַז מֶען כַאפְּט נִישְׁט דֶעם ווִינְק, מֶען וֶוערְט נֶעבֶּעךְ נָאכְמֶער דֶערְוַוייטֶערְט פוּן דִיר, נֶעם אַוֶועק דִי פֵּיין אוּן לַיידְן פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וֶועלְן זֵיי אַזוֹי תְּשׁוּבָה טוּן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּ דִיר״.**

אוּן דֶער צַדִיק אִיז גִיקוּמֶען צוּם מֶלֶךְ. הָאט דֶער צַדִיק מִתְפַּלֵל גִיוֶוען (דְהַיְינוּ אוֹיף דִי קְרֶעץ פוּן דֶעם בֶּן מֶלֶךְ אַז עֶר זָאל גִיהֵיילְט וֶוערִין) אוּן סֶע הָאט נִיט גִיהָאלְפִין. הָאט מֶען אִים מוֹדִיעַ גִיוֶוען אַז דָאס אִיז אַ כִּישׁוּף.

אוּן דֶער צַדִיק אִיז הֶעכֶער גִיוֶוען פוּן אַלֶע מְכַשְׁפִים. אִיז גִיקוּמֶען דֶער צַדִיק אוּן הָאט מוֹדִיעַ גִיוֶוען דֶעם מֶלֶךְ אַז דָאס אִיז אַ כִּישׁוּף. אוּן אַז מְהָאט דֶעם כִּישׁוּף אִין וַואסֶער אַרַיין גִיוָוארְפִין. קֶען דֶער בֶּן מֶלֶךְ אַנְדֶערְשׁ נִיט גִיהֵיילְט וֶוערִין. סַיידִין אַז מְזָאל אַרַיין וַוארְפִין דֶעם מְכַשֵׁף וָואס עֶר הָאט גִיטָאן דֶעם כִּישׁוּף אִין וַואסֶער אַרַיין. הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיזָאגְט אִיךְ גִיבּ דִיר אַלֶע מְכַשְׁפִים מְזָאל זֵיי אַרַיין וַוארְפִין אִין וַואסֶער אַרַיין. אַבִּי מַיין זוּן זָאל גִיהֵיילְט וֶוערִין. הָאט דִי בַּת מַלְכָּה מוֹרָא גִיהַאט אוּן אִיז גִילָאפִין צוּם וַואסֶער אַרוֹיס נֶעמֶען דֶעם כִּישׁוּף פוּן דֶעם וַואסֶער. וָוארִין זִי הָאט גִיוואוּסְט וואוּ דֶער כִּישׁוּף לִיגְט. אִיז זִי אַרַיין גִיפַאלִין אִין וַואסֶער אַרַיין. אִיז גִיוָוארִין אַ גְרוֹיס גִיפוּלְדֶער וָואס דִי בַּת מַלְכָּה אִיז אַרַיין גִיפַאלִין אִין וַואסֶער אַרַיין. אִיז גִיקוּמֶען דֶער צַדִיק אוּן הָאט גִיזָאגְט אַז דֶער בֶּן מֶלֶךְ וֶועט שׁוֹין גִיהֵיילְט וֶוערִין. אִיז עֶר שׁוֹין גִיהֵיילְט גִיוָוארִין אוּן דָאס צָרַעַת אִיז פַארְדַיירְט גִיוָוארְן אוּן סֶע אִיז אַרָאפּ גִיפַאלִין הָאט זִיךְ אָפְּגִישֵׁיילְט גָאר דִי הוֹיט. אִיז עֶר גִיוָוארִין גָאר פוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת. אוּן הָאט אִין זִיךְ גִיהַאט אַלֶע סְגוּלוֹת פוּן אַלֶע אֲבָנִים טוֹבוֹת. (וָוארִין אַז דִי הוֹיט הָאט זִיךְ אִים אָפְּגִישֵׁיילְט הָאט מֶען גִיזֶעהְן אַז עֶר אִיז גָאר פוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת. אַזוֹי וִוי דֶער צַדִיק הָאט גִיזָאגְט).

## אַרוֹיסְגֵיין פוּן פַארְ׳כִּישׁוּפְ׳קֵייט

דָא זֶעט מֶען דֶעם כֹּחַ פוּנֶעם צַדִיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, אַ מֶענְטְשׁ קֶען זַיין פַארְ׳כִּישׁוּפְ׳ט אִין אַלֶע סָארְט תַּאֲווֹת אוּן מְשׁוּגַעַתְ׳ן, אָבֶּער דוּרְכְ׳ן רֶבִּי׳ן, אַז עֶר פָאלְגְט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן, קֶען עֶר אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין פַארְ׳כִּישׁוּפְ׳קֵייט, פוּן זַיין קְרֶעץ. אוּן נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה (עַיֵין יוֹמָא פו:), דִי קְרֶעץ וֶועלְן וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּ אֲבָנִים טוֹבוֹת, דִי עֲבֵירוֹת וֶועלְן וֶוערְן אִיבֶּער גֶעדְרֵיידְט צוּ זְכֻיוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

נָאכְדֶעם הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגוּן: **״שַׁבָּת קָדְשֵׁנוּ, מַחְמַד עֵינֵינוּ, מֵאִיר עֵינֵינוּ, בִּזְכוּת רַבֵּנוּ. אַשְׁרֵינוּ אַשְׁרֵינוּ, מַה טּוֹב חֶלְקֵנוּ, שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ״.**